ב"ה

# טֶעראָפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 84

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## אלעס וואס דו גייסט אריבער איז מיט א חשבון

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת אחרי קדושים, ב' אייר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. ליבער ברודער שטארק זיך, שטארק זיך מיט אלע כוחות, שטארק זיך אפילו עס איז דיר ביטער שווער, גלייב אינעם אייבערשטן און זאלסט חס ושלום נישט האבן קיין תרעומות אויפן אייבערשטן, ווייל אלעס וואס דו גייסט אריבער איז מיט א חשבון, עס איז נישט קיין טעותים.

רבי נתן האט אמאל געשמועסט מיט אנשי שלומינו אז מען דארף זיך דערהאלטן מיט אלע כוחות, **ווייל אויף יעדן איינעם גייט אריבער שווערע ביטערע נסיונות**; אינמיטן רעדן האט ער זיך צופייערט און געזאגט: "פארוואס איז רבי שמעון בן יוחאי געווען רבי שמעון בן יוחאי? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות, פארוואס איז דער אר"י הקדוש געווען דער אר"י הקדוש? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות, פארוואס איז דער בעל שם טוב הקדוש געווען דער בעל שם טוב הקדוש? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות, פארוואס איז דער הייליגער רבי געווען דער הייליגער רבי? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות, און פארוואס בין איך וואס איך בין? ווייל איך האב די מאס התחזקות"; **ווייל אויף אלע צדיקים איז איבערגעגאנגען שווערע ביטערע נסיונות, און ווייל זיי האבן זיך דערהאלטן** - זענען זיי צוגעקומען צו זייערע מדריגות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## זאל איך בלייבן אין ישיבה, אדער גיין ארבעטן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א בחור פון 18 יאר, איך לערן אין א געווענליכע ישיבה, אבער איך האב בכלל נישט קיין הנאה דארט, איך שפיר ווי עס איז ממש א שאד די צייטן צו זיצן אין ישיבה. איך טו אלעס וואס די ישיבה פארלאנגט, איך שטעל זיך צו אינגאנצן, אבער איך האב נישט קיין געדולד צו די גאנצע זאך.*

*וואס זאל איך טון? זאל איך בלייבן אין ישיבה, אדער זאל איך זיך גיין זוכן אן ארבעט?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת משפטים, ל"ז שובבי"ם, כ"ג שבט, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

## ווּעסט נאך געניוג ארבעטן אין לעבן

דו זאגסט עס איז א שאד צו זיצן אין ישיבה? זאג א שאד צו ארבעטן, ווּעסט נאך געניוג ארבעטן אין לעבן. נאך די חתונה ווען דו ווּעסט דארפן ברענגען פרנסה, דעמאלט ווּעסטו מקיים זיין דעם (בראשית ג, יט): "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם"; יעצט, ווי לאנג דו ביסט נאך ביי דיין טאטע אין שטוב, דו דארפסט נישט זארגן פאר דירה געלט, דארפסט נישט זארגן פאר עסן וכדומה - זאלסטו לערנען תורה.

נוץ אויס די יארן וואס דו דארפסט נישט זארגן פאר פרנסה. נעם דעם רבינ'ס סדר דרך הלימוד, מאך זיך שיעורים בכל התורה כולה; במקרא, משנה, גמרא, מדרש, הלכה ואגדה - אפילו אן פארשטיין און אן חזרה, נאר כסדרן דיקא. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עס איז גוט מען זאל זיך צוגעוואוינען צו לערנען שנעל און נישט מדקדק זיין צופיל בשעת מען לערנט, נאר זען צו פארשטיין דעם פשטות הפשט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", און אויב מען פארשטייט נישט זאל מען נישט פארברענגען אסאך צייט אויף דעם ענין, ענדערש זאל מען גיין ווייטער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", און אז מען לערנט אסאך וועט מען שפעטער פארשטיין וואס מען האט פריער נישט אזוי גוט פארשטאנען. "וְאָמַר", דער רבי האט געזאגט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אפילו מען פארשטייט גארנישט זאל מען זאגן די ווערטער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און ביים סוף וועט מען פארשטיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליינס - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט אז עס זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, מען זאל נאר זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט שוין פון זיך

אליינס פארשטיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל; און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל איז אויך גארנישט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן, אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'", ווייל אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל, קען מען זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; מען איז זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל, ביז מען איז זוכה דאס צו פארשטיין.

רבי נתן זאגט דארט ווייטער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין, ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין. ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדעווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו'. "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אבער אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך, און ער וועט לערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים, און זוהר הקדוש, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה.

**ליבער ברודער שטארק זיך, שטארק זיך מיט אלע כוחות, שטארק זיך אפילו עס איז דיר ביטער שווער, גלייב אינעם אייבערשטן און זאלסט חס ושלום נישט האבן קיין תרעומות אויפן אייבערשטן, ווייל אלעס וואס דו גייסט אריבער איז מיט א חשבון, עס איז נישט קיין טעותים.**

עיי"ש. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

### צרות ויסורים, אן קיין קשיות און תרעומות

בעזרת ה' יתברך - יום ג' לסדר טהרה, כ"ז ניסן, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון א מענטש וואס גייט אריבער אויף אים וואס עס גייט אריבער און ער שטארקט זיך און האט נישט קיין טענות און תרעומות אויפן אייבערשטן.

### דער אייבערשטער האט ליב א געפרעגלטן איד

מוהרא"ש זאגט בשם דעם הייליגן חזון איש זכותו יגן עלינו, אז מען זאל זיך אויפשטעלן ווען א איד וואס האט א נישט געזונט קינד אין שטוב קומט אריין, ווייל אז עס גייט אריבער אזא מעשה, דאס איז מזכך ומטהר, קומט אים מען זאל זיך אויפשטעלן פאר אים, און אזוי ווי דער רבי האט געזאגט פאר מוהרנ"ת (חיי מוהר"ן, סימן תקנה): "דער אייבערשטער האט ליב א געפרעגלטן איד", דאס מיינט מען א איד וואס עס גייט אריבער אויף אים צרות ויסורים און ער דערהאלט זיך, ער האט נישט קיין קשיות און קיין תרעומות אויפן אייבערשטן; דאס איז די גרעסטע מעלה וואס קען נאר זיין.

### אנטלויף צו די הייליגע תורה

ליבער ברודער, אנטלויף צו די הייליגע תורה. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אויב דו זעעסט אז עס קומען אויף דיר צרות און יסורים, אנטלויף צו די הייליגע תורה, וועסטו ווערן געראטעוועט; נעם א חומש, א משניות, א גמרא, זאג די ווערטער פון די תורה. דער רבי האט אונז געגעבן א שיינע זיסע וועג ווי אזוי יעדער איינער קען זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען זאגן די ווערטער פון די תורה, (קוק נאך אין ספר שיחות הר"ן, סימן עו).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**אויסלויבן און אויסרימען, און זיי ליב האבן**
**מיין שוועטר קוקט מיר אראפ, וואס קען איך טון?**
קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**